ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר

## ויצא

אידיש

**807**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק יג-יד

## ויצא

❖

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

דער חיוב צו וואַשן די הענט אין דער פרי, ווען מ׳מאַכט אויף די אויגן, און ווי אַזוי. - פון יעדן מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט געבוירן אַ מלאך, וואָס זאָגט שטענדיג גוטס אויף אים, און חלילה פאַרקערט ביי אַן עבירה.

❖

דער מחבר פונעם הייליגן ספר: **״שבת-של-מי״ ר׳ חיים טשערנאוויצער** זי״ע, זאגט אויפן מחבר פון ספר ״קב הישר״: מען דארף זיין געווארנט אין יעדן ווארט זיינס, ווייל ער איז זייער א געהויבענער מענטש (שבת- של-מי שבת כא, ב).

# אינהאלט
## פון פרקים יג-יד

א. אין פרק יג ווערט ערקלערט: דער חיוב צו וואַשן די הענט אין דער פרי, ווען מ'מאַכט אויף די אויגן, און ווי אַזוי.........ה
ב. וואָסער קענען זייער לייכט טמא ווערן, און צוריק מטמא זיין די הענט.........ה
ג. דריי מאָל אויף זיין לינקע האַנט, און דערנאָך אַ פערטע מאָל.........ה
ד. אַ גאַנצן טאָג רוהט אויף אים אַ רוח טומאה.........ו
ה. דער וואָס האַרץ האָט די מורא פאַר השם יתברך, זאָל זיך פירן ווי איך האָב פריער געשריבן.........ו
ו. פריער וואַשן די לינקע האַנט, און דערנאָך די רעכטע האַנט, אין דעם איז דאָ אַ גרויסער סוד.........ז
ז. איינער וואָס גייט צו, אַ מלחמת מצוה און איז עוסק אין דער מצוה פון מלחמה, איז פטור פון נטילת ידים.........ז
ח. די וואָס זענען נישט עוסק במצוה, זענען זיכער מחויב אין מים אחרונים.........ז
ט. די ערשטע דורות פלעגן נזהר זיין פון צו טרינקען זוגות, דאָס הייסט צוויי אדער פיר כוסות וויין אדער אנדערע משקאות.........ח
י. אַ מענטש זאָל זיך וואַשן מים אחרונים כדי דער רוח זוהמאָ זאָל אויף אים נישט רוען.........ח
יא. דערפאַר דאַרף דער מענטש טאָן די מצוה בדרך כבוד, דורך דעם וועלן די מזיקים נישט קענען האָבן אַ שליטה איבער אים צו טאָן שלעכטס.........ח
יב. אין פרק יד ווערט דערקלערט: אַז פון יעדן מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט געבוירן אַ מלאך, וואָס זאָגט שטענדיג גוטס אויף אים, און חלילה פאַרקערט ביי אַן עבירה.........יב

יג. קער זיך נישט צו די זינד פון פאָלק, נאָר פיר זיי אַוועק פון דיין בליק ........ יב
יד. אויף גניבה, גזילה, אָפּנאַרעריי, העלפט נישט קיין חרטה, ביז מ'גיט צוריק די גניבה, גזילה, אויסגענאַרט געלט ........ יג
טו. דער וואָס האַלט צוריק דעם פאַרדינסט פון זיין אַרבעטער באַקומט אַ גרויסן עונש, ס'איז מקצר זיינע טעג רח"ל ........ יג
טז. דיין גוף איז נישט ראוי צו זיין ביי מיר ווי א פקדון, כ"כל שכן דיין נשמה ........ יד
יז. נישטאָ קיין גרעסערער מחלל שם-שמים, ווי דער מענטש וואָס באַצאָלט נישט דעם אַרבעטער פאַר זיין אַרבעט אין זעלבן טאָג ........ יד
יח. פון יעדער מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט באַשאַפן פון דעם אַ מלאך ........ טו
יט. הוספות ........ טז
כ. לא תלין פעולת שכיר ........ טז
כא. די הלכות פון שכירות גייען אָן אויך ווען מ'דינגט אַ כלי ........ יז
כב. באַצאָלן דירה-געלט ........ יז
כג. אַרבעטער אויף דער וואָך אָדער אויפן חודש ........ יז
כד. אויב מען דינגט אַן אַרבעטער דורך אַ שליח ........ יז
כה. די האַרבקייט פון דעם איסור פון "לא תלין" ........ יח
כו. הוספה לפרק יד - בענייני שידוכין ........ יט
כז. אין ספר שלחן הטהור ברענגט ער אַ מוראדיגע מעשה ........ יט

❖ ❖ ❖

# פרק יג

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט: דער חיוב צו וואַשן די הענט אין דער פרי, ווען מ'מאַכט אויף די אויגן, און ווי אַזוי

**א. כתב הטור**, דער טור אורח חיים שרייבט (סימן ד'), אַז דער מענטש דאַרף זיך וואַשן אינדערפרי זיין פָּנים און די הענט, כדי מעביר צו זיין דעם רוח רעה וואָס קומט צו דעם מענטש בשעת ער שלאָפט. דעריבער, אויב אַ מענטש שלאָפט ביי טאָג און מכל שכן ביינאַכט מוז ער זיך וואַשן די הענט מיטן פנים.

## וואַסער קענען זייער לייכט טמא ווערן, און צוריק מטמא זיין די הענט

**ב. והנה ראיתי**, און איך האָב געזעהן פיל מענטשן זענען נישט נזהר אין דעם, ווען זיי שלאָפן בייטאָג, וואַשן זיי זיך אינגאנצן נישט די הענט. און אויב זיי וואַשן זיך יאָ די הענט, איז עס נאָר מיט אַביסל וואַסער. אויך אינדערפרי ווען ס'איז אַ חיוב אַז מענטש זאָל וואַשן די הענט און פּנים, נעמען זיי נאָר אַביסל וואַסער, וואָס ס'איז אַפילו נישט גענוג פאַר איין האַנט צו וואַשן, און זיי וואַשן מיט דעם די הענט מיט די פנים, און נישט גענוג וואָס זיי ברענגען נישט קיין טהרה דורך דעם, נאָר מיט דעם מערן זיי טומאה אויף זייער פנים און הענט, ווייל אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אין די גמרא (סוטה ד' ב; ידים ב, ג) פיל מאָל, אַז וואַסער קענען זייער לייכט טמא ווערן, און צוריק מטמא זיין די הענט.

## דריי מאָל אויף זיין לינקע האַנט, און דערנאָך אַ פערטע מאָל

**ג. ולכן צריך**, דעריבער, מוז דער מענטש נזהר זיין אין נטילת ידים פון אינדערפרי, אויך אויב ער שלאָפט בייטאָג, זאָל

ער אָפּגיסן זיינע הענט דריי מאָל אויף זיין רעכטע האַנט און דריי מאָל אויף זיין לינקע האַנט, און דערנאָך אַ פערטע מאָל (ביידע הענט) כדי אָפּצושווענקן די טמא׳נע וואַסער וואָס איז אויף די הענט, און דערנאָך זאָל ער וואַשן זיין פנים און מויל אַזוי ווי עס גליסט אים.

## אַ גאַנצן טאָג רוהט אויף אים אַ רוח טומאה

**ד. והנה ראיתי,** אויך האָב איך געזעהן, ביי די עמי הארצים, אַז זיי וואַשן נאָר איין מאָל איין האַנט, און מיט די האַנט וואַשן זיי די צווייטע האַנט, וואָס דער רוח רעה איז נאָך פאַראַן אויף איר, איז נאָך מער מטמא די הענט, און דערנאָך וואַשט ער זיין פנים אויך, און דערנאָך רייבט ער זיין מויל, און מערט נאָך טומאה אויף טומאה, און דערנאָך זאָגט ער די ברכה על נטילת ידים, און דאָס איז אַ ברכה לבטלה, און אַ גאַנצן טאָג רוהט אויף אים אַ רוח טומאה.

## דער האַרץ וואָס האָט מורא פאַר השם יתברך, זאָל זיך פירן ווי איך האָב פריער געשריבן

**ה. ולכן,** דעריבער, דער האַרץ וואָס האָט מורא פאַר השם יתברך, זאָל זיך פירן ווי איך האָב פריער געשריבן, ער זאָל נעמען די כלי אין די רעכטע האַנט, און זאָל געבען די כלי מיטן וואַסער און זיין לינקע האַנט, און מיט זיין לינקע האַנט זאָל ער אַרויף גיסן די וואַסער דריי מאָל אויף זיין רעכטע האַנט, יעדעס מאָל ווען ער גיסט די וואַסער זאָל זיין אַ רביעית וואַסער, און דערנאָך זאָל ער וואַשן דאָס פערטע מאָל די רעכטע האַנט אָפּצשווענקען די טמא׳ענע וואַסער. דערנאָך זאָל ער געבען די כלי אין דער רעכטע האַנט, און זאָל אָפּגיסן דריי מאל אויף זיין לינקע האַנט, און דערנאָך דאָס פערטע מאָל. נאָך דעם זאָל ער וואַשן זיין פנים און מויל, און אפילו ווען ער שלאָפט ביי טאָג זאָל ער זיך אַזוי וואַשן, כדי דער רוח טהרה זאָל אויף אים רוען.

## פריער וואַשן די לינקע האַנט, און דערנאָך די רעכטע האַנט, אין דעם איז דאָ אַ גרויסער סוד

**דאָס וואַשן** וואָס ער וואַשט זיך צום עסן, מוז ער פריער וואַשן די לינקע האַנט, און דערנאָך די רעכטע האַנט, אין דעם איז דאָ אַ גרויסער סוד, און דעם טעם וועסטו געפינען אין כתבי האריז״ל (זע נימוקי אורח חיים אָנפאַנג סימן קנח).

**און יעצט** בין איך געקומען אויפוועקן דעם עולם אין דעם ענין פון מים אחרונים.

## איינער וואָס גייט צו, אַ מלחמת מצוה און איז עוסק אין דער מצוה פון מלחמה, איז פטור פון נטילת ידים

**ו. ראיתי העולם,** איך האָב געזעהן אַז דער עולם איז מקיל אין מים אחרונים, און זענען זיך מתחייב מיתה חס ושלום, ווייל זיי זענען עובר אויף די רייד פון די חז״ל, אזוי ווי די גמרא זאָגט אין מסכת עירובין (יז, ב), אביי האָט געזאָגט, אַז איינער וואָס גייט צו, אַ מלחמת מצוה און איז עוסק אין דער מצוה פון מלחמה, איז פטור פון נטילת ידים, ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן נאָר ביי מים ראשונים, דאָס מיינט מען, די וואַסער וואָס מען וואַשט זיך פאַרן עסן, אָבער מים אחרונים מוזן זיי זיך וואַשן.

## די וואָס זענען נישט עוסק במצוה, זענען זיכער מחויב אין מים אחרונים

**דעריבער,** זאָל זיך אַ מענטש באַטראַכטן, אַז אַפילו די וואָס גייען אין מלחמה, כאָטש זענען פטור פון מצוות, אָבער מים אַחרונים זענען זיי יאָ מחויב, און אַוודאי די וואָס זענען נישט עוסק במצוה, זענען זיכער מחויב אין מים אחרונים. אין זוהר און אין קבלה ספרים שטייט געשריבן על פי סוד אַז מען איז מער מחויב אין מים אחרונים ווי מים ראשונים.

## די ערשטע דורות פלעגן נזהר זיין פון צו טרינקען זוגות, דאָס הייסט צוויי אדער פיר כוסות וויין אדער אנדערע משקאות

**ז. והנה מצינו,** מיר געפונען אין די גמרא, אַז רב אַשי האָט געזאָגט, איך האָב זיך געוואַשן מיט איין כ"י פול מיט וואַסער, סיי מים ראשונים און סיי מים אחרונים, דעריבער האָט גאָט ברוך הוא דערפילט מיין הויז מיט גוטס, ווייל דעם איז רב אַשי געווען אַ גרויסע עושר. דער טעם דערפון איז, ווען דער מענטש עסט אין זיין הויז מיט זיין הויזגעזונט, זענען דאָרטן פאַרהאַנען משחיתים וואָס ווילן הנאה האָבן פון זיין סעודה. דעריבער די ערשטע דורות פלעגן נזהר זיין פון צו טרינקען זוגות, דאָס הייסט צוויי אדער פיר כוסות וויין אדער אנדערע משקאות, צוליב דעם וואָס דאָרט איז פאַרהאַנען אַ כתה שדים וואָס זיי האָבן אַ שליטה מזיק צו זיין די מענטשן וואָס טרינקען זוגות.

## אַ מענטש זאָל זיך וואַשן מים אחרונים כדי דער רוח זוהמא זאָל אויף אים נישט רוען

**ח. ולכן תקנו,** און דעריבער האָבן אונזערע חכמים ז"ל מתקן געווען, אַז אַ מענטש זאָל זיך וואַשן מים אחרונים כדי אָפצוטאָן דאָס מיאוסקייט פון זיינע הענט וואָס ער האָט געגעסן מיט זיי, כדי דער רוח זוהמא זאָל אויף אים נישט רוען.

## דערפאַר דאַרף דער מענטש טאָן די מצוה בדרך כבוד, דורך דעם וועלן די מזיקים נישט קענען האָבן אַ שליטה איבער אים צו טאָן שלעכטס

**דער** רבינו ישעיהו סג"ל שרייבט אַז אַ מענטש מוז זיך וואַשן מים אחרונים דווקא אַריין אין אַ כלי, און נישט אויף די ערד ווייל די

וואַסער זענען אַ חלק פאַר דער סטרא אַחרא. דערפאַר דאַרף ז'ער מענטש טאָן די מצוה בדרך כבוד, דורך דעם וועלן די מזיקים נישט קענען האָבן אַ שליטה איבער אים צו טאָן שלעכטס.

**ט. וגם צריך,** אויך דאַרף דער מענטש נזהר זיין, אַז ווען ער גייט אין שול, זאָל ער וואַשן זיינע הענט מיט אַ רביעית וואַסער. דער מענטש וואָס איז נזהר אין די נטילות ווי אויבן דערמאַנט, וועט עס אים ברענגען צו טהרה און הייליקייט, און דאָס וועט זיים ברענגען צו רוח הקודש, און רוח הקודש ברענגט אַז אליהו הנביא זאָל קומען, און תחיית המתים במהרה בימינו אמן.

❖

## הוספה לפרק יג - אות ח'

אין ספר "שבחי הבעל שם טוב" ווערט געברענגט, אַז דער בעל שם טוב זי"ע איז איינמאל געגאנגען פארמח'ט כדרכו בקודש אין וואַלד, ווען פלוצלינג איז ער אנגעקומען נעבן א טייך, פון וואו ס'איז ארויסגעשפרונגען א גרויסער פראָש, גרעסער ווי אַ געוועגליכער פראָש, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פונעם בעש"ט אַ תיקון פאַר זיין נשמה, ערקלערנדיג אז ער איז פון אָנפאַנג געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, נאָר ער איז אָפגעפאָרן צוביסלעך פון אידישן וועג, און שוין הונדערטער יאָרן ווי ער וואַלגערט זיך אַזוי און ליידט שרעקליכע יסורים רח"ל.

דער בעל שם טוב הק' זי"ע האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ פראָש. האָט די נשמה געענטפערט, אַז אַזוי ווי די ערשטע עבירה אין וואָס ער איז נכשל געוואָרן איז געווען אַ זלזול אין דער מצוה פון נטילת ידים, זייענדיק אַביסל נאָכגעלאָזט דערין, דעריבער איז ער מגולגל געוואָרן אין אַ פראָש וואָס ווערט געבוירן אין וואַסער, ווייל דער קליינער זלזול וואָס ער האָט עובר געווען האָט אים אַריינגעשלעפט אין פילע עבירות, ביז ער איז ל"ע אינגאַנצן פאַרקראָכן

פונעם אידישן וועג. פאַרשטייט זיך אַז די נשמה האָט באַקומען איר נויטיקן תיקון.

פון דעם זעען מיר ווי ווייט עס דערגרייכט דער פגם פון איין קליינע עבירה, אַז נישט נאָר דאָס וואָס דער פגם אליין פון די עבירה איז זייער גרויס, נאָר עס שלעפּט אַריין דעם מענטש אין נאָך עבירות רח"ל. פאַרקערט, ווען מ'לאָזט זיך אַריין אין איין מצוה, ברענגט דאָס אַ קדושה אויפ'ן מענטש, ווי מיר זאָגן אשר "קדשנו" במצותיו, און דאָס באַאיינפלוסט דעם מענטש צו טאָן נאָך מצוות.

ובצעטיל קטן בראש ספה"ק נועם אלימלך כתב בענין נטילת ידים, דקודם נטילת ידים יש לומר תפילת השב לרבינו יונה (נדפס בתהלים מקדש מעט) ואומרים שם שהקב"ה ימחול על כל עוונות ופשעים, ואם לא ידקדק ליזהר ולשמור א"ע במצות נט"י שיהי' כהוגן לא יפעול כלום אפילו עם כל הכוונות בעת האכילה כנ"ל, שאם הצפרנים הם גדולים קצת עד שמקפיד עליהן הם חוצצים לנטילת ידים, ונמצא שברכת נטילת ידים שמברך הוא לבטלה ח"ו, ומבטל נטילת ידים, ואוכל פת בלי נטילת ידים.

ובספר יסוד ושורש העבודה (שער ח') מביא בשם המדרש מעשה בחסיד אחד שנפטר ונראה לתלמידו בחלום וראה התלמיד שהיה לו כתם במצחו, ושאל לו מפני מה היה לך כך, והשיב מפני שלא הייתי נזהר לקצץ את הצפרניים בכל ערב שבת קודש.

ובעץ חיים (שער ל"א פ"ב) להרה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע כתב וזת"ד, שמה שעודף מן הצפורן ויוצא לחוץ מכנגד הבשר של האצבע, זה צריך לחתוך אותה כי שם נתלים החיצונים ויונקים בתכלית, וזה שנאמר בזוהר וכו' לכן ענשו של המגדל צפרניים קשה מאוד.

והמהרש"ל כתב, שאין ליטול ידיו ממים ששאבו עכו"ם וכן שפחה, וכן הוא בתשב"ץ אות רע"ח. ובספר ארחות חיים סימן ד' סעיף י"א כתב בשם חותנו ששמע מפי הקדוש הרב הגאון מוהר"ר חיים מצאנז זי"ע, אשר רבינו הקדוש הר"ר שמעלקי מניקלשבורג זללה"ה היו לו שלש מאות חומרות בנט"י לאכילה, וחשב גם א' מהם מים ששאבו עכו"ם.

וידוע המעשה אצל רבינו הבעש"ט זי"ע בעת התבודדותו ביערים, שפ"א נזדמן למקום רחוק מאד מן הישוב, והבין שלא על חינם נזדמן

לשם, ופתאום ראה לפניו צפרדע גדול מאוד, ובאתה לפניו ובכתה מאוד שיתן לה תיקון, ושאלה מי את ואמרה לו ת"ח אני, ובשביל ריבוי העונות שעשיתי השליכו אותי לכאן, למקום שאין בני אדם מצויים, כדי שלא אוכל לבוא לידי תיקון, ועון הראשון שלו היה שזלזל פעם אחת בנטילת ידים, ועי"ז בא עד שעבר רח"ל על כל עבירות שבתורה, ולזה נתגלגל בצפרדע, וזה כמה מאות שנים אשר אני מטולטל בצער גדול, כך סיפרה לו הצפרדע, והבעש"ט הקדוש נתן לו תיקון הנפש.

והבן אחי עד היכן הדברים מגיעים, ולא בחינם החמירו רז"ל כ"כ בנטילת ידים, ואמרו בזוה"ק ההולך ד' אמות בלא נטילת ידים ווייב מיתה ח"ו, ואשרי לאלו הנזהרים שלא לדרוך בכף רגליהם על הארץ בלי נטילת ידים. (ועי' שו"ע או"ח ח"א).

וגם היה מעשה אצל הבעש"ט הקדוש שנסע בשדה ולא היה לו מים ליטול ידיו קודם התפלה, ונתמרמר מאד ומסר נפשו לה' ואמר: רבון העולמים, קח את נפשי כי טוב מותי מחיי אם אין לי מים ליטול ידי, ובכה מאוד לפני הקב"ה ונתגלה לו מים ונטל ידיו.

ובספר תפארת שלמה (פרשת בלק, דף ק"ח טור ב') מביא, ידוע המעשה בימי הבעש"ט ז"ל שהיה בימיו גלגול אחד מכמה מאות שנים שהיה מוטרד מאוד, ועיקר הדבר שהתחיל לפגום שהיה מזלזל בנטילת ידים ועי"ז נפל ברשת היצר עד שיצא מהעולם בלא הרהור תשובה, לכן מה מאוד צריך האדם להשגיח על כל דרכיו אפילו על דבר קטן לבל יאחזו בו החיצונים ח"ו, עיי"ש.

ואלו שעובדים בעבודה שמטנפים הידים והצפרניים צריכים ליזהר מאוד בענין נטילת ונקיות הצפרניים שקצת טירחה להם לנקות ידם, אבל צריכים לדעת כי ע"י שאינם מנקים הידים והצפרניים נכשלים בכל הנ"ל.

וראה במשנה ברורה (סימן קס"א) שכתב, העתיקו האחרונים משל"ה דראוי לכל אדם שינהוג כל ימיו ליטול צפרניו כל ערב שבת שלא יבא לידי שאלת חציצה (ועיין כף החיים שם).

# פרק יד

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז פון יעדן מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט געבוירן אַ מלאך, וואָס זאָגט שטענדיק גוטס אויף אים, און חלילה פאַרקערט ביי אַן עבירה

**כתיב,** עס שטייט אין פסוק (דברים ט, כז) "אַל תֵּפֶן אֶל קְשִׁי הָעָם הַזֶּה וְאֶל רִשְׁעוֹ וְאֶל חַטָּאתוֹ", משה רבינו האָט מתפלל געווען צו השי"ת, דו זאָלסט נישט קערן צו די האַרטקייט פונעם פאָלק און צו זיין רשעות און זינד. דער זוהר (פרשת קדושים) גיט צו פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט מען דער מענטש וואָס טוט אַ מצוה, גייט זי אַרויף און שטייט פאַר השי"ת און זאָגט דער מענטש האט מיך געטאָן, און הקב"ה שטעלט די מצוה פאַר זיך, כדי אַכטונג צו געבן אויפן מענטש, אים גוטס צו טאָן וואָס ער האט געטוהן די מצוה. און טאָמער איז דער מענטש עובר אויף די רייד פון דער תורה, גייט די עבירה אַרויף פאַר הקב"ה און זאגט: איך בין פון דעם דאָזיגן מענטש וואָס ער האָט מיך געמאַכט, און הקב"ה שטעלט זי פאַר זיך און זי שטייט דאָרטן, כדי אויף איר אכטונג צו געבן מען זאל דעם מענטש פאַרלענדן ח"ו.

## קער זיך נישט צו די זינד פון פאָלק, נאָר פיר זיי אַוועק פון דיין בליק

**אויב דער** מענטש טוט תשובה, שטייט ביי אים (שמואל ב יב, יג) "גַּם ה' הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ" - אויך דער אויבערשטער האָט אַוועקגענומען די עבירה פון זיין בליק, כדי ער זאָל אויף איר נישט קוקן. דאָס מיינט דער פסוק, "אַל תֵּפֶן אֶל קְשִׁי וכו'" - דו זאָלסט זיך נישט קערן צו קוקן אויף די זינד פון דעם פאָלק, נאָר דו זאָלסט זיי אַוועקפירן פון זיך - אזוי שרייבט דער זהר הקדוש.

**אויף גניבה, גזילה, אָפּנאַרעריי, העלפט נישט קיין חרטה, ביז מ'גיט צוריק די גניבה, גזילה, אין אויסגענאַרטע געלט**

**דער מענטש** זיצט אין זיין הויז בשלום און שטיל, און איז זיכער מיט שמחה און מיט אַ גוט האַרץ, און ער ווייסט גאָרנישט וויפיל זיינד איז גורם, אַז זי שטייט אויפן הימל און זאָגט, איך בין באַשאַפן געוואָרן פון דעם מענטשן. דאַן ווערט אויף אים פלוצלונג דערוועקט אַז עס ווערט אויף אים אויסגעגאָסן אַן עונש און אַ בייזע גזירה רחמנא ליצלן. דערנאָך וועט ער חרטה האָבן, אָבער די חרטה וועט אים נישט העלפן, ווייל די גזירה איז שוין אַרויסגעגאַנגען, און מכל שכן אין אַזעלכע עבירות וואָס איז צווישן אַ מענטש מיט זיין חבר, אַזוי ווי גניבה, גזילה, אָדער אָפּנאַרן מענטשן א.ד.ג. העלפט זיכער נישט קיין חרטה ביז ער גיט יענעם אָפּ זיין געלט, וואָס ער האָט ביי אים גע'גנב'עט אָדער גע'גזל'ט אדער אָפּגענאַרט, ווייל דאָס מזל פונעם נגזל, אָדער דער וואָס ער האָט אים בייגנב'עט, שרייט אויף אים אין הימל.

**דער וואָס האַלט צוריק דעם פאַרדינסט פון זיין אַרבעטער באַקומט אַ גרויסן עונש, ס'איז מקצר זיינע טעג רח"ל**

**ג. בא וראה,** קום און זעה וואָס עס שטייט אין זוהר (פרשת קדושים שם, דף פ"ג ע"ב) אויף דעם וואָס האַלט ביי זיך דעם פאַרדינסט פון דעם וואָס האָט ביי אים געאַרבעט, און ער גיט עס אים נישט אָפּ, דער האָט אַ גרויסן עונש, ווייל אַן אַרבעטער שטעלט נעבעך איין זיין לעבן צוזאַמען מיט זיין טירחה און מלאכה כדי צו פאַרדינען זיין פרנסה, און ווייל ער האלט צוריק זיין שכירות ביי זיך, איז גלייך ווי ער באַצווינגט זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין הויז-געזינד, ווייל דער שווייס און דאמפ וואס גייט ארויס פונעם מויל פונעם מענטש אין דעם טאג ווען ער האט שווער געאַרבעט, ווי דער שטייגער איז, אַז זַין אַרבעטער ברענגט ארויס דאמפ פון מויל, גייען די אלע דאמפן ארויף

פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, און דער אויבערשטער ברוך הוא זעהט אַז די אַלע האָבן נישט גענומען קיין שכר פאַר זייער אַרבעט, דעמאָלטס איז אַפילו אויב עס איז נגזר געוואָרן פיל גוטס און פיל הצלחות פאַרן בעל הבית, ווערן אלע אויסגעריסן און אוועקגענומען פון אים. נאָך מער, מען לאָזט זיין נשמה נישט ארויפגיין אין הימל יעדער נאַכט. דאָס אַלץ געשענט צוליב דעם וואָס ער באַצאָלט נישט דעם אַרבעטער אין זעלבן טאָג ווען ער האָט ביי אים געאַרבעט, און די עבירה איז מקצר דיינע טעג ח״ו.

## דיין גוף איז נישט ראוי צו זיין ביי מיר ווי א פקדון, מכל שכן דיין נשמה

**ד. ועל כן,** און דעריבער פלעגט רב המנונא סבא זיך פירן, אַז ווען דער אַרבעטער פלעגט אַוועקגיין פון דער אַרבעט, פלעגט ער אים תיכף געבן זיין געהאַלט, און האָט אים געזאָגט, נעם דיר דיין נשמה וואָס דו האָסט מיר געגעבן צו באַהאַלטן, נעם דיר אָפּ דיין פקדון, און ווען דער אַרבעטער האט אים אפילו געזאגט, לאָז דאס געלט זיין א פקדון ביי דיר, האט ער נישט געוואלט און אים געזאגט, דיין גוף איז נישט ראוי ביי מיר צו זיין פאר א פקדון, מכל שכן דיין נשמה. ווייל דער פקדון איז נישט געגעבן געווארן נאָר צו הקב״ה אליין, ווייל עס שטייט אין פסוק ״בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי״ - אין דיין האנט געב איך צו באהאלטן מיין נשמה.

## נישטאָ קיין גרעסערער מחלל שם-שמים, ווי דער מענטש וואָס באַצאָלט נישט דעם אַרבעטער פאַר זיין אַרבעט אין זעלבן טאָג

**ה. ואם כן,** דעריבער איז עס א גרויסע אזהרה צו מענטשן וואס הערן דאס קול פון ארבעטער וואס וויינט וועגן די שכירות פאר זיין טירחה, סיי אַ איד, סיי אַ נישט-איד וויבאַלד דער פועל און דער שכיר גייט אים נאר נאך און וויל דעם שכר, פאר דעם

וואס האט זיך באמיט און מטריח געוועזן א גאנצן טאג, און דער בעל הבית פארשטאפט זיינע אויערן פון הערן און איז אים מדחה גיי אוועק און מארגן וועל איך דיר באצאלן, איז נישטאָ דא קיין גרעסערער חילול השם פון דעם. און זיין עונש איילט צו קומען, און ער ווערט ארעם, און כאטש ער איז לפי שעה מיט גוטס, וועט ער צום סוף קיין הצלחה נישט האבן, און ער וועט זיכער באקריגן דעם דלות און קיינער וועט זיך איבער אים נישט דערבארעמען, און חוץ דעם קומען פיל עונשים צוליב דער עבירה. דעריבער מוז דער מענטש זיין זייער געווארנט נישט געשטרויכלט צו ווערן אין דער עבירה פון נישט באַצאָלן דעם שכיר זיין שכירות אין זעלבן טאג וואס ער האט עס פארדינט.

## פון יעדער מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט באַשאַפן פון דעם אַ מלאך

**ו. נחזור,** אצינד וועלן מיר זיך צוריקקערן צום ענין וואס מיר האבן אנגעהויבן. יעדער מענטש וואס טוט א מצוה ווערט פון דער מצוה א מלאך, וואס איז תמיד מלמד זכות אויף אים, אזוי ווי אונזערע חכמים ז"ל האבן געזאגט אין מדרש פרשת משפטים (לב, ו) אז אויב א מענטש טוט א מצוה, גיט מען אים א מלאך צו היטן. אז ער טוט צוויי מצוות גיט מען אים צוויי מלאכים. דאס מיינט מען גיט אים זיין אייגענעם מלאך, וואס ער האט באשאפן מיט טאָן די מצוה, און דער מלאך היט אים פון אלערליי שאדן.

**ז. ובא וראה,** קום און זעה פון דער מעשה וואָס עס האָט זיך געטראָפן ביי אַ חסיד, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קליין דאָרף, און האָט נישט געהאַט קיין שום ספר נאָר איין גמרא חגיגה. האָט ער געלערנט די גמרא אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, און ער האָט זייער פיל מאריך ימים געווען. צום סוף, פאַר זיין טויט, האָט זיך די מסכתא אָנגעקליידעט אין געשטאַלט פון אַ פרוי, און געגאַנגען פאַר אים נאָך זיין טויט ביז זי האָט אים געברענגט אין גן עדן אַריין.

**אַזוי** איז אויך פאַרקערט ח"ו, אויב דער מענטש טוט אַן עבירה, ווערט פון איר באַשאַפן אַ קטיגור רחמנא ליצלן. אויב ער האָט עובר געווען צוויי עבירות, באַשאַפט ער צוויי מקטריגים, און אַז ער שטאַרבט קליידן זיך אָן די עבירות אין געשטאַלט פון אַ פרוי און זיי פירן אים אין גיהנום אַריין.

**ח. וראיתי בספר,** און איך האָב געזען אין אַ ספר, ווען אַ מענטש לעבט מיט א פרוי וואס איז אסור פאַר אים עפ"י תורה, ווערט באַשאַפן אַ מזיק אין געשטאַלט פון דער פרוי וואָס ער האָט געזינדיקט מיט איר, און ווען עס קומט זיין צייט צו שטאַרבן, קומט די פרוי און באַהעפט זיך מיט אים און פירט אים אין גיהנום אַריין, אָבער אַ מענטש טוט אַ מצוה, פירט זי אים אין גן עדן אַריין.

❖ ❖ ❖

הוספות

## לא תלין פעולת שכיר

**צוליב די נחיצות פון דעם לאו "לא תלין פעולת שכיר", און צוליב דעם וואָס עס איז אַזוי שטאַרק שכיח אין דער היינטיגער צייט, וועלן מיר אַראָפּברענגען עטליכע הלכות וועגן דעם לאו פון "לא תלין".**

**מען טאָר** נישט דינגען אַן אַרבעטער אויב מ'ווייסט אַז מ'וועט נישט האָבן צו באַצאָלן צייטליך. אין ספר אהבת חסד (פרק ט') ברענגט ער, אַז אַפילו פאַר אַ קינד טאָר מען נישט הייסן טוהן אַן אַרבעט און צוזאָגן אים צו באַצאָלן, אויב מ'פּלאַנט אים נישט צו באַצאָלן.

**דער איינציגער** היתר איז, מען זאָל זיך אויסנעמען מיטן קינד אַז מען וועט אים באַצאָלן ווען מ'וועט האָבן צייט זיך אפּצורעכענען מיט אים. אויב מ'באַצאָלט דעם טאַטן, דאַרף דער טאַטע

עס זוכה זיין פאַר זיין קינד, אַזוי שטייט אין ספר התעוררות תשובה (ח״ג סימן מ״א).

**אויב מען** האָט געדונגען אַן אַרבעטער, אפילו אַ גוי, און דער אַרבעטער האָט געענדיגט זיין אַרבעט אינמיטן טאָג, מוז מען אים באַצאָלן פאַר די שקיעה. אויב ער ענדיגט אינמיטן נאַכט, מוז מען אים באַצאָלן ביז ענדע נאַכט, ווי עס ווערט גע׳פסק׳ענט אין חושן משפט סימן של״ט (סעיף ד׳).

**אין ספר** אהבת חסד ברענגט דער חפץ חיים זצ״ל, אַז אויב מען האָט נישט באַצאָלט דעם אַרבעטער פאַר דער שקיעה, דאַרף מען אים באַצאָלן פאַר צאת הכוכבים.

## די הלכות פון שכירות גייען אָן אויך ווען מ׳דינגט אַ כלי. באַצאָלן דירה-געלט

**לויט אַ** סאַך אחרונים גייען אָן די הלכות אויך ווען מ׳דינגט אַ דירה. מען מוז באַצאָלן ביז צומאָרגנס אינדערפרי, נאָכדעם ווי עס ענדיגט זיך דער באַשטימטער טאָג צו באַצאָלן די דירה-געלט.

## אַרבעטער אויף דער וואָך אָדער אויפן חודש

**אויב מען** האָט געדינגען אַן אַרבעטער אויף די וואָך אָדער אויף דעם חודש, און דער אַרבעטער האָט געענדיגט זיין אַרבעט אינמיטן טאָג, מוז מען אים באַצאָלן ביז די שקיעה. אויב ער ענדיגט אינמיטן דער נאַכט, מוז מען אים באַצאָלן ביז סוף נאַכט.

## אויב מען דינגט אַן אַרבעטער דורך אַ שליח

**אויב** מען דינגט אַן אַרבעטער דורך אַ שליח, אָדער דורך אַן אייגן קינד, און דער שליח האָט אַרויסגעזאָגט פאַר דעם אַרבעטער אַז ער דינגט אים נישט פאַר זיך, אָדער אויב ער ווייסט עס פון זיך אַליין, גייען נישט אָן די דערמאנטע הלכות, נישט אויף דעם בעל הבית און

נישט אויף דעם שליח. דער בעל הבית זאָל אים אָבער נישט זופשטופן אויב ער איז נישט טרוד.

## די האַרבקייט פון דעם איסור פון "לא תלין"

**1. אויב** מען באַצאָלט נישט צייטליך פאַר אַן אַרבעטער, פאַרלירט מען דאָס פאַרמעגן לא עלינו (סוכה דף כ"ט ע"ב).

**2. אויב** מען באַצאָלט נישט צייטליך פאַר דעם אַרבעטער, איז מען עובר אויף אַן עשה און אויף אַ לא תעשה. די עשה איז "ביומו תתן שכרו", און די לא תעשה איז "לא תלין פעולת שכיר".

**3. אין** סידור רבי יעקב עמדין ברענגט ער (דף קכ"ה ע"ב) אַז דער אריז"ל איז זייער נזהר געווען צו באַצאָלן צייטליך דעם אַרבעטער, אַפילו ווען ער האָט נישט געמאָנט דאָס געלט. ווען ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן דעם אַרבעטער, האָט ער נישט געדאַווענט מנחה ביז די שקיעה, כדי צו באָרגן געלט צו באַצאָלן. דערנאָך האָט ער געדאַווענט מנחה. ער פלעגט זאָגן: "ווי אַזוי קען איך דאַווענען מנחה אין דער צייט ווען איך האָב פאַר מיר אַ גרויסע מצוה און איך האָב עס נאָך נישט מקיים געווען?" (שער המצות פרשת ונצא, על פסוק לא תלין פעולת שכיר).

**4. יעדע** מצוה האָט אַ סגולה וואָס איז ספעציעל געאייגנט פאַר דער דאָזיגער מצוה. די סגולה פון באַצאָלן אַן אַרבעטער צייטליך איז, אַז יענעם טאָג ווען מען איז מקיים די מצוה, באַקומט מען די נשמה יתירה פון שבת. דאָס איז מדה כנגד מדה: דער אַרבעטער גיט דאָך אַוועק זיין נשמה פאַר דער אַרבעט, און אַזוי ווי דו האָסט באַצאָלט פאַר דיין אַרבעטער וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן זיין נשמה פאַר דער אַרבעט, אַזוי גיט דער אויבערשטער פאַר דיר די נשמה יתירה. עס איז אויך מרומז אין פסוק: די ראשי תיבות פון די ווערטער "בְּיוֹמוֹ תִּתֵּן שְׂכָרוֹ" איז שַׁבָּ"ת.

## הוספה לפרק יד - בעניני שידוכין

**אין ספר שלחן הטהור ברענגט ער די פאָלגענדיגע מעשה:**

**הרה"ק** רבי נחום משטיפינעשט זצ"ל, אַ זוהן פון הייליקן ריזשינער זי"ע, האָט דערציילט וואָס עס האָט פאַסירט ביי זיין עלטער זיידן, הרה"ק רבי אברהם המלאך זי"ע:

**צוויי עשירים** פון א געוויסע שטאָט פלעגן פאָרן צו אים צוזאמען אין איין צייט. איינער פון די צוויי האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטע ווייב און ער האָט איר געוואָלט אָפּ'גט'ן. דער רבי ר' אברהם המלאך האָט אָבער נישט צוגעלאָזט.

**ווידער** דער צווייטער עושר האָט אַ געהאַט אַ גרויס פאַרמעגן וואָס איז ווערט געווען הונדערט טויזנט רייניש, אָבער ער איז געווען אַ בעל חוב אויף אַרום צען טויזנט רייניש. אַזוי ווי די בעלי חובות האָבן געמאָנט, האָט ער געוואָלט פאַרקויפן אַ חלק פון זיין פאַרמעגן כדי איינצושטילן די בעלי חובות, אָבער דער רבי, דער מלאך האָט נישט מסכים געווען דערצו.

**אין א** שיינעם טאָג, ווען די בעלי חובות האָבן אים שטאַרק צוגעדריקט, איז ער געגאַנגען, נישט פרעגנדיג דעם מלאך, און האָט פאַרקויפט אַ חלק פון זיין פאַרמעגן און אויסגעצאָלט אַלע בעלי חובות וואָס ער איז זיי שולדיג געווען געלט. באַלד דערנאָך איז ער געוואָרן נישט געזונט און איז אַריינגעפאַלן אין בעט קראַנק און שוואַך.

**ווען עס** איז געקומען די צייט וואָס די צוויי ידידים פלעגן פאָרן צוזאַמען צום מלאך, איז דער איד מיט די שלעכטע ווייב געקומען צו זיין חבר וואָס האָט פאַרקויפט אַ טייל פון זיין פאַרמעגן, אים צו דערמאנען אַז מ'דאַרף שוין פאָרן צום רבי'ן. ווי ער קומט אַריין צו אים אין שטוב, זעט ער ווי זיין חבר ליגט נעבעך קראַנק אין בעט.

האָט דער חולה אים געבעטן: טוה מיר אַ טובה, דאָ האָסטו "פדיון נפש" געלט, פאַר צום רבי'ן, און באַלד ווי דו קומסט אָן זאָלסטו מיך מזכיר זיין פאַרן צדיק מיט אַ קוויטל און א פדיון. בעט דעם צדיק ער זאָל פאַר מיר מתפלל זיין אויף אַ רפואה שלימה, איך דאַרף האָבן אַ גרויסע ישועה מן השמים.

**ווי דער** איד מיט די שלעכטע ווייב האָט נאָר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון מלאך'ס צימער, פרעגט אים דער מלאך: וואו איז דיין חבר? פאַרוואָס איז ער נישט מיטגעקומען? האָט דער איד געענטפערט, ער איז זעהר נישט געזונט און ער האָט מיט מיר מיטגעשיקט אַ קוויטל מיט א פדיון אַז דער רבי זאָל פאַר אים מתפלל זיין. האָט דער מלאך געגעבן אַ קרעכץ און געזאָגט: אוי וויי! ער האָט אַוודאי פאַרקויפט פון זיין פאַרמעגן.

**האָט** דער איד אָנגעפאַנגען פאַרענטפערן דעם חבר: ער האָט פשוט נישט געקענט אויסהאַלטן מער פון די בעלי חובות, זיי האָבן ביי אים געקלאַפט אין דער טיר אָן אויפהער, ער האָט שוין ממש נישט געהאַט קיין ברירה.

**האָט דער** צדיק זיך אָנגערופן: איצט הער זיך צו. איך בין געוועגליך נישט מגלה קיין פאַרבאָרגענע זאַכן, אָבער דאָ וויל איך מאַכן אַן אויסנאַם, כדי מ'זאָל וויסן אַז ווען אַ גוטער איד זאָגט עפּעס אַנדערש ווי דער פרעגער וויל הערן, זאָל מען האָבן שכל און פאָלגן, נישט משנה זיין, ווייל ער מיינט נאָר זיין אייגענע טובה.

**און דער** מלאך איז ממשיך: די גמרא זאָגט (ביצה דף ל"ב עמוד ב') שלשה חייהן אינן חיים, דריי מענטשן זענען דאָ וואָס זייער לעבן איז קיין לעבן נישט. דער וואָס וואַרט אַז עמיצער זאָל אים איינלאַדן צו עסן אויף זיין טיש; דער וואָס זיין ווייב באַלעבאַטעוועט איבער אים; און דער מענטש וואָס ליידט פיזישע יסורים. דאָס לשון

"זייער לעבן איז קיין לעבן נישט", איז דאָך שווער, עס וואָלט געדאַרפט שטיין: "די דריי מענטשן לעבן נישט".

**נאָר דער** תירוץ איז, אַז ווען אַ מענטש זינדיגט און שטאַרבט אָן תשובה ווערט ער נאָך אַמאָל מגולגל - ביז דריי מאָל - מתקן צו זיין זיינע זינד, און דערנאָך, אויב ער האָט נאָך נישט מתקן געווען אַלע זיינע זינד, האָט ער שוין ח"ו נישט קיין תקנה.

**דער באַשעפער** איז דאָך אָבער אַ בעל הרחמים, ער וויל נישט אַז אַ אידישע נשמה זאָל פאַרפאַלן גיין, טוט ער אַ חסד און שיקט אַראָפּ די נשמה אַ פערטע מאָל, דער מענטש זאָל נאָך האָבן די געלעגנהייט מתקן צו זיין דאָס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט אין די פריערדיגע גלגולים. אָבער על פי דין האָט דאָך שוין דער מענטש נישט קיין רשות צו זיין אויף דעם עולם. וואָס טוט דער בעל הרחמים יתברך שמו? ער גיט אַזעלכע נשמות אַ לעבן מיט אַ שלעכט ווייב, ער שיקט אים אונטער אַ סאַך בעלי חובות אָדער יסורים לא עלינו, אַזוי אַז זייער לעבן איז קיין לעבן נישט. אַזוי אַרום קען דער מענטש זיך אויפהאַלטן אויף דער וועלט און אָפּלעבן לאַנגע יאָרן, און די מקטריגים האָבן נישט קיין שום טענות קעגן אַזאַ לעבן, ווייל דאָס איז דאָך "קיין לעבן נישט", ביז דער מענטש איז זוכה מתקן צו זיין וואָס ער דאַרף מתקן זיין.

**דאָס** איז די כוונה אין דער גמרא "חייהן אינם חיים", זייער זכות צו לעבן ("חייהן") איז מיט דעם, וואָס זיי האָבן נישט קיין לעבן דורך איינע פון די סיבות וואָס דער אויבערשטער דער בעל הרחמים האָט אויף זיי גוזר געווען.

**- איר ביידע** - זאָגט דער מלאך - זענט נשמות פון אַזעלכע גלגולים, וואָס מ'האָט אייך געלאָזט אַראָפּקומען אויף דער וועלט מיט'ן תנאי, אַז איר זאָלט נישט האָבן קיין מנוחה בחיי נחת, נאָר אַזוי קענט איר מאריך ימים זיין אויף דער וועלט, כדי מתקן

צו זיין וואָס איר האָט קאַליע געמאַכט אין פריערדיגע גלגולים. אָבער דיין חבר האָט זיך אויסגעוועלט צו האָבן מנוחה, אין דער צייט ווען דאָס שלעכטס אַליין איז זיין גרעסטע טובה.

* * *

**דער** אר״י הקדוש ז״ל שרייבט אין ספה״ק שער הגלגולים, אַז די תלמידי חכמים אין זיין דור וואָס זייערע ווייבער געוועלטיגן אויף זיי, זענען די גלגולים פון די נשים צדקניות וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און האָבן נישט געלאָזט נעמען זייער צירונג צו מאַכן דעם עגל, אָבער די מענער האָבן נישט מוחה געווען אויף דעם ערב רב ביים חטא העגל, וועגן דעם האָבן די פרויען באַקומען דאָס רעכט צו געוועלטיגן אויף זייערע מענער.

**לויט דעם** טייטשט דער מקובל רבי עמנואל חי ריקי זצ״ל אין ספר חושב ״מחשבות״ דעם פסוק (תהלים לב, ו) ״עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹוא״, אויף דעם דאַרף יעדער חסיד מתפלל זיין, אַז ער זאָל נישט באַקומען אַזאַ ווייב פון יענע נשמות וואָס זיי וועלן געוועלטיגן אויף אים, ״רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ״, די ווייבער וואָס זענען אַדורך דעם וואַסער ביי קריעת ים סוף און זיי האָבן נישט געמאַכט דעם עגל, צו אַזעלכע זאָל ער נישט אָנקומען...

**אין ספר הקדוש** פלא יועץ שטייט, אַז וויבאַלד די חז״ל זאָגן אַז ווער עס האָט אַ שלעכט ווייב וועט נישט זען דעם גיהנום, וואָלט מען געדאַרפט מתפלל זיין צו באַקומען אַ שלעכט ווייב כדי פטור צו ווערן פון צער גיהנום. די וועלט זאָגט אַז אַזאַ איינער איז טאַקע פטור פון גיהנום אויף יענע וועלט, ווייל ער האָט עס שוין אויף די וועלט. ער זעט דאָס יעדן טאָג פאַר זיינע אויגן.

**אין די** ספרי מוסר ווערט דערציילט וועגן איינעם וואָס איז געווען גרייט צו ליידן אויף די וועלט כדי ער זאָל נישט דאַרפן

אָנקומען אין גיהנום. האָט ער אָפּגעזוכט אַ ווייב די ריכטיגע אשה רעה בתכלית, כדי צו האָבן די הבטחה פון חז״ל ״שאינו רואה פני גיהנום״.

**דערווייל** איז דאָס ווייב נאָך די חתונה געווען זעהר גוט צו אים, זיך אויפגעפירט איידל און באַשיידן, און אים שטאַרק מכבד געווען. מ׳האָט נישט געהערט פון איר אַ הויך וואָרט. האָט אים זייער געוואונדערט, וואָס האָט דא פּאַסירט? ביז ער איז געוואויר געוואָרן אַז זי האַלט זיך איין מיט געוואַלד, ווייל זי פאַרגינט אים נישט צוליב איר שלעכטקייט, אַז צוליב איר זאָל ער אָנקומען אין גן עדן אַריין אָן זען דעם גיהנום...